Yung Shikago



A Zamlung, 1922

Ben Sholem, “Shikago”

אַ באַרג פון שטיין און גראַניט אויסגעגאָסן,
וואָס ציט זיך אויף ווייט-ברייטע ברייטקייטן פאַנאַנדער
און טראָגט זיך ווי געפליגלט —
אַלץ העכער,
און העכער,
ווי ער וואָלט די שווערע וואָלקנס קוילנרויך וועלן דעריאָגן
וואָס ווערט אויסגעהויכט פון די שטאָלענע הערצער פון פאַבריקן,
פון טויזענטער באַנען און שיפן
וואָס קרייצן דורך דעם באַרג,
פון שטיין און גראַניט —
שיקאַגאָ.
שיקאַגאָ.

A barg fun shteyn un granit oysegegosn,[1]
Vos tzit zikh[2] oyf vayt-breyte breytkaytn fanander[3]
Un trogt zikh vi gefliglt —
Altz hekher,
Un hekher,
Vi er volt di shvere volkns koylnroykh veln deryogn[4]
Vos vert oysgehoykht fun di shtolene hertzer fun fabrikn,
Fun toyzenter banen un shifn
Vos kreytzn durkh dem barg,
Fun shteyn un granit —
Shikago.
Shikago.

Ben Sholem, “Mishign Bulvar”

מישיגן בולוואר

דו הארץ פון דער שטאָל און שטיינערנער-שטאָט,

דו מאַכסט קיינמאָל אַן אויג ניט צו.

אויף דיין רוקן,

טויזנטער אטאָמאָבילן

וואָיען שטענדיק ווי הינט היימלאָזע,

מיט פייערדיקע אויגן,

ווי זיי וואָלטן זינלאָז יאָגן זיך אָן ציל.

און באַוואַכט ביזטו פון ים’ען עלעקטרישע אויגן

וואָס ברענען דיך דורך מיט זייערע-פייער-שפּיזיקע בליקן.

און פון דער זייט —

ברומען רוישענדיק די יאָגנדע כוואַליעס פון מישיגן לייק,

ווי זיי וואָלטן אויף דיר זייער מורא געוואָרפן,

טאָמער וועסטו דיין ריזן-רוקן נעמען אויסגלייכן

פון דער שווערע און שטאָלענער מאַסע —

אייביק באַוועגנדע וואָיענדע הינט —

מישיגן בולוואר!

דו, האַרץ פון דער שטאָל און שטיינערנער שטאָט —

שיקאַגאָ.

Mishign Bulvar

Du hartz fun der shtol un shteynerner-shtot,

Du makhst keynmol an oyg nit tzu.

Oyf dayn rukn,

Toyzenter otomobiln,

Voyen[5] shtendik vi hint heymloze,

Mit fayerdike oygn,

Vi zey voltn zinloz yogn zikh on tzil.[6]

Un bavakht[7] biztu fun *yam*en elektrishe oygn

Vos brenen dikh durkh mit zeyere fayer-shpizike[8] blikn.

Un fun der zayt —

Brumen[9] royshendik di yogende khvalyes fun Mishign Leyk,

Vi zey voltn oyf dir zeyer *moyre* gevorfn,

Tomer vestu dayn rizn-rukn nemen oysglaykhn[10]

Fun der shvere un shtolener mase[11] —

Eybik bavegnde[12] voyende hint —

Mishign Bulvar!

Du, hartz fun der shtol un shteynerner shtot —

Shikago.

Besye Hershfild – Two Poems

Ver hot mir mayn veg fartzamt,[13]
Az vu ikh gey vakst oys a vant,
Az vos ikh kler tzeshvimt vi shoym[14]
Ver hot es mayn veg fartzamt?

ווער האָט מיר מיין וועג פארצאמט,
אַז וואו איך גיי וואקסט אויס אַ וואַנט,
אַז וואָס איך קלער צעשווימט ווי שוים
ווער האָט עס מיין וועג פארצאַמט?

S'hot emitzer farsholtn[15] mikh,
Kh'zol oysgeyn do fun benkenish
Tzvishn vent vos shtikn[16] mikh,
Un oygn velkhe hitn mikh!

ס'האָט עמיצער פארשאָלטן מיך,
כ'זאָל אויסגיין דאָ פון בענקעניש
צווישן ווענט וואָס שטיקן מיך,
און אויגן וועלכע היטן מיך!

Oy! Vi kont ir gor farshteyn?! —
Anshtot zikh shtikn fun geveyn,
Lakh ikh mit freylikhkayt azoy
Un lakh aroys a tifn oy!
Oy-oy! Oy-oy!

אוי! ווי קאָנט איר גאָר פאַרשטיין?! —
אנשטאָט זיך שטיקן פון געוויין,
לאך איך מיט פרייליכקייט אַזוי
און לאך ארויס אַ טיעפן אוי!
אוי-אוי! אוי-אוי!

Dayn ershter blik,
Dayn letzter zay-gezunt
Eyn eyntzik vort
Un mer gedeynk ikh nit.

דיין ערשטער בליק,
דיין לעצטער זיי-געזונט
איין איינציק וואָרט
און מער געדיינק איך ניט.

A *yam* mit likht,
A shnaydendiker[17] vint,
Dos vort, "farges"
Un mer gedeynk ikh nit.

אַ ים מיט ליכט,
אַ שניידענדיקער ווינט,
דאָס וואָרט, "פארגעס"
און מער געדיינק איך ניט.

Yitzchak Rontsh, “Tzvelf Strit in Ovnt”

Tzindt men umetum on likhter,
Shaynen oyf mit lust gezikhter,
Praln[18] oyf zikh tir nokh tir, —
S’ruft di gas itzt tzum shpatzir.

צינדט מען אומעטום אָן ליכטער,
שיינען אויף מיט לוסט געזיכטער,
פּראַלן אויף זיך טיר נאָך טיר, —
ס׳רופט די גאס איצט צום שפּאַציר.

Hert zikh ayn[19] nor tzum orkester:
S’iz der grester, s’iz der bester:
Poykn karn-barabanen,[20]
Un azoyfil iz faranen
Otos: *shofores* un trompeytn,
Un tzimbaln, basn, fleytn,
Un a khor fun yung gelekhter
Fun di Tzvelf Strit zin un tekhter . . .
Un di rogn — vi *yaridn*:[21]
Idn, Idn, Idn . . .

הערט זיך איין נאר צום אָרקעסטער:
ס׳איז דער גרעסטער, ס׳איז דער בעסטער:
פּויקן קאַרן-באַראַבאַנען,
און אזויפיל איז פאראנען
אָטאָס: שופרות און טראָמפּייטן,
און צימבאַלן, באַסן, פלייטן,
און אַ כאָר פון יונג געלעכטער
פון די צוועלף סטריט זין און טעכטער . . .
און די ראגן — ווי יארידן:
אידן, אידן, אידן . . .

Kumst oyf Tzvelf Street, shpreystu[22] zikher,
Un es trogt dikh gikher, gikher,[23]
Tzu di yungvarg,[24] tzum gelekhter
Fun di shtiferishe tekhter . . .
Oygen finklen, oygen glantzn,
Un di fislakh vi tzum tantzn.

קומסט אויף צוועלף סטריט, שפּרייסטו זיכער,
און עס טראָגט דיך גיכער, גיכער,
צו די יונגווארג, צום געלעכטער
פון די שטיפערישע טעכטער . . .
אויגען פינקלען, אויגען גלאַנצן,
און די פיסלאך ווי צום טאַנצן.

Un es geyt zikh,
Un es dreyt zikh
Trit, trit, trit, trit —
Ver es shart[25] zikh, ver es flit
Trit fun shtarkn, trit fun midn,
Yo tzufridn, nit tzufridn —
Idn, Idn, Idn.

און עס גייט זיך,
און עס דרייט זיך
טריט, טריט, טריט, טריט —
ווער עס שאַרט זיך, ווער עס פליט
טריט פון שטארקן, טריט פון מידן
יאָ צופרידן, ניט צופרידן —
אידן, אידן, אידן.



Maxwell Street Market in Chicago, running from 12th to 16th Streets, 1920s. *Idn, Idn, Idn.*



Reb Irwin’s mother, grandmother, and great-grandmothers, Michigan Avenue, ca. 1948.

Endnotes/Glossary

---

1. Oysgegosn – poured out, empty
2. Tziyen zikh – to gravitate or be pulled toward
3. Fanander, funander – apart
4. Deryogn – to catch up with
5. Voyen – to howl
6. Zinlos – senseless, mindless; yogn – to chase, yogn zikh – to speed, race; tzil – purpose, aim, objective
7. Bavakhn – to protect, guard
8. Shpizn – spears, darts
9. Brumen – to roar, hum, thrum
10. Tomer – in case; riz(n) – giant; oysglaykhn – to straighten, level, equalize
11. Mase – mass, bulk
12. Bavegn – to move
13. Fartzamen – to fence in
14. Klern – to think, ponder; tzeshvimen – to blur; shoym – foam
15. Farsholtn – cursed
16. Shtikn – to choke
17. Shnaydn – to cut
18. Praln – to bounce, thrust
19. Aynhern zikh – to listen, pay attention to
20. Poykn – to drum; karn/korn – rye, grain; baraban – a drum
21. Rog – intersection, corner; yarid – fair (Hebrew)
22. Shprayen – to drizzle, but shprayzn – to stride
23. Gikh – quick
24. ...varg – ware, equipment
25. Sharn – to scrape, shuffle; sharn zikh tzu – to court